ROOTS

וואָרצלען

Vortslen

© 2005 State University of New York Press, Albany

**איך בין געווען אַ מאָל אַ ייִנגלינג**

איך בין געווען אַ מאָל אַ ייִנגלינג
געהערט אין פּאָרטיקאָס סאָקראַטן
עס האָט מײַן בוזעם-פֿרײַנד, מײַן ליבלינג,
געהאַט דעם שענסטן טאָרס אין אַטען.

געווען צעזאַר. און אַ העלע וועלט
געבויט פֿון מאַרמאָר, איך דער לעצטער,
און פֿאַר אַ ווײַב מיר אויסדערווײלט
מײַן שטאָלצע שוועסטער.

אין רויזנקראַנץ בײַם ווײַן ביז שפּעט
געהערט אין הויכמוטיקן פֿרידן
וועגן שוואַכלינג פֿון נאַזאַרעט
און ווילדע מעשׂיות וועגן ייִדן.



© 2005 State University of New York Press, Albany

## ONCE I WAS A YOUTH

Once I was a youth,
heard Socrates in the porticoes,
my bosom friend, my lover,
in all Athens had the finest torso.

I was Caesar. And a bright world
built of marble. I the last
chose for a bride
My proud sister.

Garlanded and drunk till late
in boisterous revelry, I heard the news
of the weakling from Nazareth
and wild stories about the Jews.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**מוטער ערד, פֿיל געטראָטענע, זון-געוואַשענע**

מוטער ערד, פֿיל געטראָטענע, זונ-געוואַשענע,
טונקעלע שקלאַפֿין און האַרין
בין איך, געליבטער.
פֿון מיר דער ניד'ריקער און דער באַטריבטער
וואַקסטו אַרויס — אַ מעכטיקער שטאַם.
און ווי די אייביקע שטערן, און ווי פֿון זון דער פֿלאַם,
קרײַז איך אין לאַנגן און בלינדן שווײַגן
אין דײַנע וואָרצלען, אין דײַנע צווײַגן,
און האַלב אין וואַך, און האַלב אין דרימל
זוך איך דורך דיר דעם הויכן הימל.



© 2005 State University of New York Press, Albany

## MOTHER EARTH, WELL-WORN, SUN-WASHED

Mother earth, well-worn, sun-washed,
dusky slave and mistress
am I, beloved.
From me, humble and dejected
you arise—a mighty trunk.
Like the eternal stars, like the sun's flame,
I circle in long blind silence round
your roots, your boughs.
Half awake and half drowsing,
I search through you for heaven on high.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**פּאָרטרעט**

א.לעיעלעס'ן

ווײַל שפּאָט און אומגליק האָבן דורכגעגליט איר לעבן,
האָט זי געטראָגן אַזוי שטאָלץ דעם קאָפּ,
ווי ס'וואָלט זי גאָט געהיימנישפֿול דערהויבן.

אין לערן הויז, אין שפּיגל זיך געזען ווי דורך אַ רעגן,
און ווי עס וואָלטן אַלץ איר נאָכגעקוקט באַקאַנטע,
איז זי פֿײַערלאך געגאַנגן זיך אַנטקעגן,
ווי מען גייט אַנטקעגן אַן אינפֿאַנטע.

גערוט, גערוט. געזעסן גלײַך און שטײַף.
און ניט פֿאַרטרויט איר מאַסקע אויף דער איינזאַמקייט,
ווען ס'האָבן גוטע אָוונטיקע שעהען
יאָמערנדיק גענייגט זיך איבער איר און איבער אַלץ.
און נאָר געפֿילט: וויסטער, פֿלאַמיקער שגעון
דריקט צערטלעך איר צונויף דעם האַלדז.



© 2005 State University of New York Press, Albany

PORTRAIT

* To A. Leyeles

Because mockery and sorrow inflamed her life,
she held her head proudly
as if God had secretly elated her.

In the empty house, peering into the mirror as through rain,
as if familar eyes were watching her,
she approached herself solemnly,
as one approaches an Infanta.

Calmly, calmly, sitting stiff and formal.
Not even entrusting her mask to the solitude,
when the pleasant evening hours
hover mournfully over her and over all.
Feeling only bleak, burning madness
tighten gently round her throat.

*Aaron Glanz-Leyeles (1889–1966)
Founder of *In-zikh* movement.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**יאָרן**

ווי פֿרויען, וועלכע זײַנען פֿיל געליבט און דאָך ניט זאַט,
און גייען דורכן לעבן מיט געלעכטער און מיט צאָרן
אין די אויגן זייערע פֿון פֿײַער און אַגאַט —
געוואָרן אַזוי זײַנען די יאָרן.

און זײַנען אויך געוועזן ווי אַקטיאָרן,
וואָס שפּילן מיט אַ האַלב מויל "האַמלעט" פֿאַרן מאַרק;
ווי אין לאַנד, אַ שטאָלצן, גראַנסיניאָרן,
וואָס כאַפּן אָן דעם אויפֿשטאַנד פֿאַרן קאַרק.

און זע, ווי דעמוטיק זיי זײַנען איצט, מײַן גאָט,
און שטום ווי אַ צעשמעטערטער קלאַוויר,
און נעמען אָן פֿאַר ליב אַיעדנס שטויס און שפּאָט,
און זוכן דיך, ניט גלויבנדיק אין דיר.



© 2005 State University of New York Press, Albany

## YEARS

Like women well loved yet still not sated,
going through life with laughter and rage
eyes gleaming with fire and agate—
that's how the years were.

They were also like actors, insipidly
playing Hamlet in the square,
like grand seigneurs in a proud land
who grab rebellion by the throat.

See how submissive they are now, my God,
struck dumb as a shattered piano,
taking each blow and taunt like a caress,
seeking You, yet not believing in You.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**אין גאַסן**

דאָ אַ וואָרט מיט שרעק און דאָ פֿול מיט חרטה.
דאָ האָב איך געוויינט און דאָ אין צער גערוט.
האָסט אַלע גאַסן דאָך פֿאַרוואַנדלט אין גאָלגאָטע.
אין אַלע גאַסן רינט מײַן בלוט.

דאָ האָב איך געוויינט. עס האָבן דומפּ די מויערן
געברומט דעם גזר-הדין אויף שוואַכע און פֿאַרלוירענע.
און ס'האָבן נאָכגעקוקט פֿיל דאַמען און פֿיל הערן,
ווי ס'גייט אַ פֿרוי דורך דעמערונג אין טרערן.

געווען געבעט, און צאָרן געווען, חרטה.
און איצט שרײַט אויף די לעצטע שרעקן-פֿולע נאָטע
פֿון לעבן, זינקענדיק אין שטויב.
און דאָך, אָ גאָט, אָ פּײַניקער, איך גלויב:
איך וועל מיט פֿינגער גוססע נאָך אָנרירן אַ שטערן
און אַן אומענדלעך טיף, אומענדלעך צערטלעך וואָרט דערהערן.



© 2005 State University of New York Press, Albany

## IN THE STREETS

Here a word of terror, there one of regret.
Here I cried out, there in sorrow I paused.
You transformed the roads into Golgotha,
and my blood runs in all the streets.

Here I wept. The dank walls
roared out the stern judgment at the weak and the lost
while many lords and ladies looked on
as the woman walked through the dusk in tears.

Pleading, raging, regretting,
now the last terrible note of life
blares forth, sinking into the dust.
And yet, O God, O Tormentor, I do believe:
With dying fingers, I will yet touch a star,
and I will hear an eternally profound,
an infinitely tender word.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**מײַן שטאַם רעדט**

מײַן שטאַם:

מענער אין אַטלעס און סאַמעט,

פֿנימער לאַנג און בלײכזײַדן,

פֿאַרחלש'טע גלוטיקע ליפּן.

די דינע הענט צערטלען פֿאַרגעלטע פּאָליאַנטן.

זיי רעדן אין טיפֿער נאַכט מיט גאָט.

און סוחרים פֿון לײַפּסק און פֿון דאַנסק.

בלאַנקע מאַנקעטן. אײדעלער סיגאַרן-רויך.

גמרא-וויצן. דײַטשע העפֿלעכקייטן.

דער בליק איז קלוג און מאַט,

קלוג און איבערזאַט.

דאַן-זשואַנען, הענדלער און זוכער פֿון גאָט.

אַ שיכּור,

אַ פּאָר משומדים אין קיעוו.

מײַן שטאַם:

פֿרויען ווי געצן באַצירט מיט בריליאַנטן,

פֿאַרטונקלט רויט פֿון טערקישע טיכער,

שווערע פּאָלדן פֿון סאַטין-דע-ליאָן.

אָבער דאָס לײַב איז אַ וויינענדיקע ווערבע,

אָבער ווי טרוקענע בלומען די פֿינגער אין שויס,



© 2005 State University of New York Press, Albany

## MY ANCESTORS SPEAK

My ancestors:
    Men in satin and velvet,
    faces long and silky pale,
    faintly glowing lips
    and thin hands caressing faded folios.
    Deep into the night they speak with God.

    Merchants from Leipzig and Danzig
    with clean cuffs, smoking fine cigars.
    Talmudic wit. German niceties.
    Their look is clever and lacklustre,
    clever and self-satisfied.
    Don Juans, dealers and seekers of God.

    A drunkard,
    a pair of converts in Kiev.

My ancestors:
    Women bejewelled in diamonds like icons,
    darkly crimsoned by Turkish shawls,
    and heavy folds of Satin-de-Lyon.
    But their bodies are weeping willows,
    the fingers in their laps like withered flowers,



© 2005 State University of New York Press, Albany

און אין די וועלקע פֿאַרשלייערטע אויגן
טויטע לוסט.

און גראַנד-דאַמען אין ציץ און אין ליַיוונט,
נרייטבייניק און שטאַרק, און באַוועגלעך,
מיטן פֿאַראַכטלעכן ליַיכטן געלעכטער,
מיט רויִקע רייד און אומהיימלעכן שוויַיגן.
פֿאַר נאַכט ביַים פֿענצטער פֿון אָרעמען הויז
וואַקסן זיי ווי סטאַטועס אויס
און עס צוקט דורך די דעמערענדע אויגן
גרויזאַמע לוסט.

און אַ פּאָר,
מיט וועלכע איך שעם זיך.

זיי אַלע, מיַין שטאַם,
בלוט פֿון מיַין בלוט
און פֿלאַם פֿון מיַין פֿלאַם,
טויט און לעבעדיק אויסגעמישט,
טרויעריק, גראָטעסק און גרויס
טראַמפּלען דורך מיר ווי דורך אַ טונקל הויז.
טראַמפּלען מיט תּפֿילות און קללות און קלאָג,
טרייסלען מיַין האַרץ ווי אַ קופּערנעם גלאָק,
עס וואַרפֿט זיך מיַין צונג,
איך דערקען ניט מיַין קול —
מיַין שטאַם רעדט.



© 2005 State University of New York Press, Albany

and in their faded, veiled eyes
lifeless desire.

Grand ladies in calico and linen,
broad-boned, strong and agile,
with their contemptuous, easy laughter,
with calm talk and uneasy silence.
At dusk, by the window of the humble house
they sprout like statues.
And coursing through their dusky eyes
cruel desire.

And a pair
I am ashamed of.

All of them, my ancestors,
blood of my blood,
flame of my flame,
dead and living mixed together,
sad, grotesque, immense.
They trample through me as through a dark house.
Trampling with prayers, and curses, and wailing,
rattling my heart like a copper bell,
my tongue quivers,
I don't know my own voice—
My ancestors speak.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**אַ שטאָט בײַם ים**

ווען איז עס געווען? איך קען זיך ניט דערמאָנען.
עס גייט מיר נאָך ווי אַ פֿאַרגעסענער רעפֿרען:
אַ שטאָט בײַם ים, נאָקטיורנען פֿון שאָפּען
און אײַזערנע ליליען פֿון באַלקאָנען.

פֿאַר נאַכט. צוויי שוועסטער מיט די שמאָלע פֿינגער
פֿאַרטרוימטע רירן אָן דעם שאָטנדיקן שטראָם
פֿון זכרונות אין אַלטמאָדישן אַלבאָם.
די אַלטע בילדער ווערן לאַנגזאַם ייִנגער.

אין טיר האלב אָפֿענער, דאָרט צווישן די וואַזאָנען,
פֿאַרחלשט שווימען פּאָרלעך אין אַ לאשטשענדיקן וואַלס.
אָ, טויטע יוגנט! אָ, דער לעצטער וואַלס!
די טענצער שווימען און פֿאַרשווינדן ווי פֿאַנטאָמען...

עס איז געווען, געווען... איך קען זיך ניט דערמאָנען.



© 2005 State University of New York Press, Albany

## A CITY BY THE SEA

When was it? I can't remember.
It follows me like a forgotten refrain:
A city by the sea, Chopin's nocturnes
and cast-iron lilies on the balconies.

Dusk. Two sisters, their slender fingers
dreamily fondle the shadowy stream
of memories in an old-fashioned album.
Slowly, the old photographs grow younger.

Through the half-open door, among potted plants,
trancelike couples in a caressing waltz.
Oh, dead youth! Oh, last waltz!
The dancers waft by and vanish like phantoms. . . . .

It was . . . was . . . I can't remember.



© 2005 State University of New York Press, Albany

**מײַן היים**

הײַזער וויגן זיך און שווימען ליכטיק-גרוי
מיט פֿײַכטע גערטנער, זילבער-העלע גאַסן,
און מענטשן בײַ שוועלן פֿון טירן
נייגן זיך, שמייכלען, פֿאַרבלאַסן,
ווערן און ניט ווערן
דורכן רעגן-בויגן פֿון טרערן.

אַ קינד זיצט בײַם פֿענצטער.
אין לבֿנה-שײַן שטראָמען די האָר ווי טונקעלער רעגן.
פֿאַרעקשנ'ט און ליכטיק זוכן די אויגן
ווי דורך אַ וואַלד
די אייגענע ווײַטע געשטאַלט.
אָ, וואָס ציטערסטו, קינד,
ווען איך קום דיר אַנטקעגן?



© 2005 State University of New York Press, Albany

## MY HOME

Houses sway and float in the light gray
of damp gardens, clear silvery streets,
and people in doorways
bow, smile, fade,
appear and disappear
through a rainbow of tears.

A child sits by the window,
hair streaming in the moonlight like dark rain,
eyes stubbornly and brightly seek
its own distant form
as through a forest.
Oh, why do you tremble, child,
when I draw near?



© 2005 State University of New York Press, Albany